**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אז סעקאנד עווניוי סאבוועי פאזע 2 רוקט זיך פאראויס מיט די אווארד פון די טונעלינג קאנטראקט**

***קומענדיגע פאזע פונעם פראיעקט וועט פארלענגערן די עקזיסטירנדע טונעל ביז 125 סטריט***

***נייע צוגאנג צו פאזע 2 ברענגט 1.3 ביליאן דאלאר אין געשפארטע געלטער; האלטנדיג אויף א וועג צו זיין 10 פראצענט ביליגער ווי פאזע 1***

***סעקאנד עווניוי סאבוועי פאזע 2 פראיעקט וועט ברענגען טראנזיט גלייכבארעכטיגקייט צו איסט הארלעם***

***זעהט די MTA באריכט דא***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) באורד האט באשטעטיגט די טונעל-גראבונג קאנטראקט פאר פאזע 2 פון די סעקאנד עווניו סאבוועי, די פראיעקט וואס פארלענגערט די **Q** באן פון 96 סטריט ביז 125 סטריט און וועט צושטעלן נייע טראנזיט צוטריט פאר איסט הארלעם איינוואוינער. די נייע טונעל וועט זיך ציען פון 116 סטריט ביז 125 סטריט. ארבעטער אונטער דעם קאנטראקט וועלן אויך אויסגראבן פלאץ פאר די צוקונפטיגע 125 סטריט סטאנציע, און וועלן אין א קאסטן-שפארונג מיטל וואס שפארט 500 מיליאן דאלאר פאר די MTA, אויסשטאטן די טונעל לענגאויס דעם רוט וואס איז געבויעט געווארן אין די 1970'ער צו אקאמעדירן די צוקונפטיגע 116 סטריט סטאנציע.

די ארבעט צו בויען די נייע טונעל, צווישן 35 און 120 פיס אונטער סעקאנד עווניו, איז ערווארטערט פארצוקומען ניצנדיג 750-טאן מאשינען אויסגעשטאט מיט 22-פיס דריל-העדס מיט קליינע דיאמאנט שטיקלעך. פריע ארבעט וועט פארזעצן שפעטער אינעם יאר, און שווערע ציווילע בוי ארבעט וועט זיך אנפאנגען אין די אנהויב פון 2026. די עצם טונעל גראבונג איז ערווארטערט זיך אנצופאנגען אין 2027.

"עס איז אריבער הונדערט יאר זייט די מענטשן פון איסט הארלעם זענען צוגעזאגט געווארן א נייע סאבוועי צו וואס זיי זענען בארעכטיגט — און מיר טוען דאס ענדליך ערלעדיגן," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "איסט הארלעם איז איינער פון די מערסט טראנזיט-אנגעוויזענע געגנטער אין ניו יארק, אבער יעדן טאג, פעלט סאבוועי צוטריט פאר צענדליגע טויזנטע רייזדע. די סעקאנד עווניוי סאבוועי וועט אלעס טוישן; עס וועט פארקורצערן רייזעס פאר איבער 100,000 טעגליכע רייזנדע און מאכן איסט הארלעם מער לעבעדיג ווי סיי ווען. פארטיילן דעם קאנטראקט באדייט אז די צייטן פון צוזאגן פאר די קאמיוניטי איז פארביי און די צייט פאר בויען איז אנגעקומען — קומענדיגע סטאנציע 125 סטריט!"

די קאנטראקט, ביי א ווערד פון 1.972 ביליאן דאלאר, איז געשאנקען געווארן פאר Connect Plus Partners, א געמיינזאמע פראיעקט צווישן Halmar International און FCC Construction. עס איז די צווייטע פון פיר בוי קאנטראקטן פאר די **Q** באן פארלענגערונג. טראצט ניו יארק סיטי'ס הויכע בויען קאסטן, איז די קאסט-בענעפיט פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי גאר באדייטנד און ווערט געשאצט צו האבן די נידריגסטע קאסטן פער רייזנדע פון סיי וועלכע אקטיווע העווי-דיוטי באן פראיעקט אינעם לאנד.

**MTA פארזיצער און CEO Janno Lieber (דשענאו ליבער) האט געזאגט,** "דאס איז א באדייטפולע שריט פאראויס נישט בלויז פאר דעם פראיעקט נאר פאר יעדער איינער אין איסט הארלעם און סענטרעל הארלעם. לאקאלע איינוואוינער האבן געווארט כמעט 100 לאנגע יארן פאר זייער צוגעזאגטע סאבוועי אויסברייטערונג. א דאנק אינוועסטירונגען פון גאווערנאר Hochul (האקול) און אונזערער מיטארבעטער אין וואשינגטאן, טוט די MTA זיך היינט פאראויס ריקן מיט די גרעסטע טונעלינג קאנטראקט אין די היסטאריע פונעם אגענטור, אבער - נאך וויכטיגער - מיט א פראיעקט וואס קומט אויס צו האבן די נידריגסטע קאסט פער רייזנדע פון סיי וועלכע גרויסע באן פראיעקט אין אמעריקע."

**MTA אויפבוי און אנטוויקלונג פרעזידענט Jamie Torres-Springer (דשעימי טארעס ספרינגער) האט געזאגט,** "נאך לאנגע יארן פון צוזאגן, טוט די נייע MTA ענדליך צושטעלן. די היינטיגע קאנטראקט ווארד ברענגט אונז נענטער צו ערשט-קלאסיגע טראנזיט סערוויס אין איסט הארלעם. ניצנדיג לעקציעס וואס מיר האבן זיך געלערנט פון פאזע 1, זענען מיר גאר צופרידן צו פארן ווייטער און פארענדיגן דעם קאנטראקט בעסער, שנעלער, און ביליגער ווי סיי ווען."

די ליניע'ס ערשטע בוי קאנטראקט איז פארטיילט געווארן אין יאנואר 2024 פאר ארבעט אריבערצופירן יוטיליטיס. מאנשאפט וועלכע ארבעטן אונטער יענער קאטראקט טוען אריבערפירן אונטערערדישע יוטיליטיס פון 105 סטריט צו 110 סטריט אויף סעקאנד עוועניו ביי די לאקאציע פון די צוקונפטיגע 106 סטריט סטאנציע, כדי צו ערמעגליכן די נאכפאלגנדע אויפבוי פון די סטאנציע.

מאנשאפט וועלכע ארבעטן אונטער די דריטע קאנטראקט וועלן בויען די אונטערערדישע ארט פאר די צוקונפטיגע סטאנציע ביי 106 סטריט און סעקאנד עוועניו. יענער קאנטראקט האלט יעצט אין די פראקורמענט שטאפל. די פערדע און לעצטע קאנטראקט וועט דעקן די איינרישונג פון די דריי סטאנציעס, ביי 106, 116 און 125 סטריטס, און די סיסטעמען וואס מען דארף צו צושטעלן באן סערוויס, א שטייגער ווי שינעס, סיגנאל, פאוווער און קאמיוניקאציעס. דער קאנטראקט האלט יעצט אין די פלאנירונג שטאפל.

סעקאנד עוועניו סאבוועי פאזע 2 האלט אויף א וועג צו פארענדיגט ווערן צייטליך מיט א פארדינסטן סערוויס דאטום פון סעפטעמבער 2032, און זיך האלטנדיג צו דעם בודשעט. די פראיעקט בודשעט איז 6.99 ביליאן דאלאר און ווערט טיילוויז פינאנצירט דורך פארדינסטן פון די קאנדשעסטשען פארגרינגערונג זאנע (Congestion Relief Zone) טאל פראגראם.

אין 2003, האט די MTA [פארעפנטליכט נייע געדאנקען מאלערייען](#) פון פארגעשלאגענע סטאנציעס פאר די אויסברייטערונג, צושטעלנדיג דערמיט פאר צוקונפטיגע רייזנדע א בליק אריין אין די מעגליכע אינערוויינינגסטע און דרויסנדיגע דעזיינס פאר'ן סטאנציע.

**פארבעסערטע איינפירונגען און מער ווי 1 ביליאן דאלאר אין געשפארטע געלטער**

אלס טייל פון די MTA'ס פארפליכטונג צו צושטעלן וויכטיגע אינפערסטראקטשער פראיעקטן בעסער, שנעלער און ביליגער, האט די קאנטראקט פאר פאזע 2 אריינגענומען אין חשבון לעקציעס וואס מען האט זיך געלערנט פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי פאזע 1.

אדרעסירן יוטיליטי אריבערפירונג פאדערונגען גלייך פון אנהויב טוט רעדוצירן די ריזיקע פון שפעטערדיגע אומערוואַרטערטע קאסטן אדער פארשפעטיגונגען איינמאל די בוי ארבעט ריקט זיך פאראויס — ספעציעל אין ניו יארק סיטי, וואס האט איינער פון די מערסט קאמפלעצירטע אונטערערדישע יוטיליטי נעטווארקס אינעם וועלט, רוב דערפון פאר וואס עס איז נישט פארהאן קיין מאפעס.

נאך קאסט איינהאלטונג אינציאטיוון אין פאזע 2 רעכענען אריין דאס איבערניצן פון א חלק פונעם טונעל וואס איז געבויעט געווארן אין די 1970'ער פון 110 סטריט צו 120 סטריט לעגנאויס סעקאנד עוועניו, פריע ריעל עסטעיט קויפונגען, זיך באניצן מיט די בעסטע וועליו קאנטראקט סטראקטורן א שטייגער ווי A+B קאנטראקטן (דיזיין-בוי), נאנטע צוזאמענארבעט צווישן קאנטראקטן און רעדוקציע אין בעק-טו-האויס, ענסילערי פלאץ און סטאנציע גרויסקייט.

אלעס צוזאמען, האבן די אינציאטיוון געשפארט מער ווי 1.3 ביליאן דאלאר.

**טראנזיט גלייכבארעכטיגונג פאר איסט הארלעם**
איסט הארלעם איז א היסטאריש שוואך-באדינטע געגנט וואס האט איינער פון די גרעסטע קאנצענטראציעס פון עפארדעבל האוזינג אין די פאראייניגטע שטאטן און וואו 70 פראצענט פון איינוואוינער פארלאזן זיך אויף טראנזיט. פאזע 2 וועט שאפן דריי נייע צוטריטליכע סטאנציעס גלייך ביים צענטער פון די קאמיוניטי ביי 106 סטריט, 116 סטריט, און 125 סטריט, און צושטעלן דירעקטע רייזעס פון איסט הארלעם צו די אפער איסט סייד, וועסט מידטאון און קאוני איילענד, פארקורצערנדיג רייזע צייטן מיט ביז אזויפיל ווי 20 מינוט.

די סעקאנד עוועניו סאבוועי פאזע 2 פראיעקט וועט פאראורזאכן מער ווי 70,000 דשאבס, אריינגערעכנט יוניען-געהאלט בוי ארבעט דשאבס. א 20 פראצענט לאקאלע ארבעטער אויפנעמונג ציל פאר די פראיעקט וועט ברענגען גוט-באצאלטע דשאב געלעגנהייטן פאר הונדערטע איסט הארלעם איינוואוינער.

איסט הארלעם איז שוין פון לאנג צוגעזאגט געווארן א נייע סאבוועי פארבינדונג אויף סעקאנד עוועניו. אין די 1920'ער, האט די צווייטע סיסטעם (Second System) פארשלאג, וואס איז צום סוף געווארן די IND סאבוועי סיסטעם, אריינגערעכנט סערוויס אויף סעקאנד עוועניו. אין 1948, האבן ניו יארק סיטי וויילער באשטעטיגט באנדינג געאייגנט צו בויען די סעקאנד עוועניו סאבוועי, וואס איז צום סוף געבליבן אומגעבויעט נאך די אנפאנג פון די קאריען מלחמה. אין 1972, האט מען ענדליך פארגעזעצט מיט די בוי ארבעט אויף די ליניע אין איסט הארלעם, אבער מען האט עס שפעטער אפגעלאזט אין 1975 בשעת די סיטי'ס פינאנציעלע קריזיס. חלקים פון די טונעלן וואס מען האט געבויעט אין די 1970'ער וועט גענוצט ווערן אין פאזע 2.

**איבער פאזע 2**
די צווייטע פאזע פון די פראיעקט וועט פארלענגערן **Q** באן סערוויס פון 96 סטריט צו צפון ביז 125 סטריט און דאן צו מערב אויף 125 סטריט ביז פארק עוועניו, אומגעפער 1.5 מייל אלעס צוזאמען. עס וועט זיין א דירעקטע פאסאנדשיר פארבינדונג מיט די עקזיסטירנדע 125 סטריט סאבוועי סטאנציע אויף די לעקסינגטאן עוועניו סאבוועי ליניע. פאזע 2 וועט אויך פארמאגן אן אריינגאנג ביי פארק עוועניו צו ערמעגליכן באקוועמע ליניע טוישונגען צו די הארלעם 125 סטריט סטאנציע פון מעטראו-נארט רעילראוד (Metro-North Railroad).

יעדע סטאנציע וועט האבן א סטרוקטור העכער די ערד וועלכע וועט האלטן אין זיך ווענטילאציע, מעכאנישע און עקלעקטרישע עקוויפמענט, און אזוי אויך פלאץ פאר מעגליכע געשעפטן און אנדערע פלעצער פאר די באנוץ פון די קאמיוניטי אויף די אונטערשטע שטאק. די איוסברייטערונג וועט דינען נאך

110,000 טעגליכע רייזנדע און צושטעלן דריי נייע ADA צוטריטליכע סטאנציעס — העכערנדיג דעם סטאנדארט פאר קאסטומער באקוועמליכקייט און גרינגקייט. פארמערטע מולטי-מאודעל טראנזיט פארבינדונג ביי די 125 סטריט סטאנציע אויף פארק עוועניו מיט פארבינדונגען צו די **4 5 6** ליניעס, מעטראו-נארט און די M60 סעלעקט באס סערוויס צו לאגווארדיע לופטפעלד וועט ערמעגליכן די באקוועמע אריבערטויש צו אנדער סאבוועי און קאמיוטער באן ליניעס, ערמעגליכנדיג גרינגערער, שנעלערער טראנספארטאציע לענגאויס דעם סיטי און מעטראפאליטען ראיאן.

**איבער פאזע 1**
פאזע 1 פונעם פראעיקט האט פארלענגערט די ליניע פון 63 סטריט ביז 96 סטריט און איז געווען ניו יארק סיטי'ס גרעסטע אויסברייטערונג פון די סאבוועי סיסטעם אין 50 יאר. סערוויס האט זיך געעפנט אום יאנואר 1, 2017, מיט נאך סטאנציעס אויף 72 Street און 86 Street. זינט עס איז פארענדיגט געווארן האט די Second Avenue סאָבוועי געפירט מער פון 130 מיליאן פאסאנזשירן סך הכל, אריינרעכענענדיג איבער 200,000 פאסאנזשירן אויף א טיפישע טאג בעפאר די פאנדעמיע.

**סענאטאר Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "די בויען קאנטראקט פאר פאזע 2 פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי וועט אונז ברענגען נאך א גרויסע טריט נענטער צו דערגרייכן טראנספארטאציע גלייכבארעכטיגונג אין ניו יארק; פארזיכערנדיג אז איסט הארלעם האט בעסערער צוטריט צו דשאבס, העלט קעיר און אנדערע וויכטיגע סערוויסעס, בשעת'ן רעדוצירן קאנדשעסטשען און פארבעסערן לופט קוואליטעט. 100,000 רייזנדע וועלן הנאה האבן פון די כמעט 2 מייל פון נייע שינעס, 6 נייע סטאנציעס, און איין גענצליך איבערגעמאכטע סטאנציע. איך האב פארזיכערט 3.4 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג—דאן די גרעסטע קאפיטאל אינוועסטירונג גרענט אין היסטאריע—פאראויסצוריקן די פראיעקט, און ווען די ארבעט איז פארענדיגט, וועלן מער ווי 300,000 רייזנדע הנאה האבן פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי א יעדן טאג."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען דשיליברענד) האט געזאגט,** "איסט און סענטערל הארלעם איינוואוינער און קאמיוטער האבן געגנוג לאנג געווארט אויף די סעקאנד עוועניו סאבוועי אויסברייטערונג, וואס וועט שניידן רייזע צייטן, שאפן נייע געלעגנהייטן, און צושטעלן בעסערע פארבינדונגען פאר די קאמיוניטי. די היינטיגע מעלדונג איז א וויכטיגע שריט צו צושטעלן די מאדערנע און צוטריטליכע טראנזיט סיסטעם וואס עס קומט זיך פאר די איסט סייד. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן פארזיכערן די פעדעראלע דאלארן וועלכע טוען ערמעגליכן די אויסברייטערונג, און איך וועל ווייטער קעמפן אהיימצוברענגען אפילו מער ריסארוסעס צו פארבעסערן פובליק טראנזיט פאר אלע ניו יארקער."

**רעפרעזענטיטיוו Jerrold Nadler (דשעראלד נעדלער) האט געזאגט,** "אלס די לאנגיעריגע נארט-איסטערן מיטגליד פון די טראנספארטאציע און אינפערסטראקטשער קאמיטעט (Transportation and Infrastructure Committee), האב איך שוין לאנג געקעמפט פאר פינאנצירונג פאר די סעקאנד עוועניו סאבוועי. די פארטיילונג פון די בויען קאנטראקט איז א געוואלדיגע דערגרייכונג אין די קומענדיגע פאזע פון אויסברייטערן די סאבוועי ליניע ארויף קיין הארלעם און וועט שאפן בעסערער טראנזיט פארבינדונג און פארבעסערן רייזע צייטן פאר מיינע איסט סייד קאנסטיטיוענטס און פאר אלע ניו יארקער."

**רעפרעזענטיטיוו Adriano Espaillat (עדריאנאו עספייאט) האט געזאגט,** "די פארשריט פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי פראיעקט וועט ברענגען גוט באצאלטע דשאבס צו די קאמיוניטיס פון הארלעם און איסט הארלעם, פאר וועמען איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט, און פארזיכערט אז די קריטישע פראיעקט האלט ווייטער אן די גוטע פארשריט אינעם ריכטונג פון פארענדיגט ווערן. איך באגריס גאווערנאר Hochul (האקול), MTA פארזיצער Lieber (ליבער), Mr. Torres-Springer (מר. טארעס ספרינגער), און זייערע טיעמס פאר זייערע אנגייענדע ארבעט צו צושטעלן סאבוועי סערוויס צו איסט הארלעם."

**סטעיט סענאטאר Jose M. Serrano (האזעי מ. סעראנאו) האט געזאגט,** "די סעקאנד עוועניו סאבוועי פראיעקט וועט העלפן ברענגען שטארק נויטיגע טראנספארטאציע אפציעס, דשאבס און צוטריט צו איסט הארלעם און ווייטער. פאזע 2 פון די פראיעקט איז קריטיש, און וועט אויסברייטערן סערוויסעס, שאפן נייע סטאנציעס, און העלפן רעדוצירן רייזע צייטן פאר אלעמען. אלס די סענאטאר פאר די 29'טע סענאט דיסטריקט, רעפרעזענטירנדג די סאוט בראנקס און איסט הארלעם, גלייב איך שטארק אז די סעקאנד עוועניו סאבוועי פראיעקט וועט פארבעסערן קאמיוטער איבערלעבענישן און פארמערן פארלעסליכקייט. א גרויסן דאנק פאר די MTA, גאווערנאר Hochul (האקול) און מיינע קאלעגען אין רעגירונג פאר זייער פארפליכטונג צו די וויכטיגע פראיעקט."

**מענהעטען בארא פרעזידענט Mark Levine (מארק לעווין) האט געזאגט,** "יעדער טריט וואס ברענגט אונז נענטער צו פארענדיגן די סעקאנד עוועניו סאבוועי ברענגט קאמיוניטיס אין איסט הארלעם נענטער צו א טראנזיט אפציע וואס מען האט זיי שוין לאנג צוגעזאגט. דאס איז א שריט וואס איז ווערד געפייערט צו ווערן, און איך קוק ארויס ווייטער צו ארבעטן צוזאמען מיט לאקאלע סטעיק-האלטער און די MTA צו פארזיכערן אז פאזע 2 ווערט פארענדיגט שנעלערהייט און מיט הצלחה."

**פערמענאנטע איינוואוינער עדווייזארי קאמיטעט (Permanent Citizens Advisory Committee, PCAC) צו די MTA עקזעקיוטיוו דירעקטאר Lisa Daglian (ליזע דעגליען) האט געזאגט,** "היינט טוט מען אפצייכענען א היסטארישע טאג פאר א פראיעקט אויף וואס מען ארבעט שוין הונדערט יאר וואס וועט נישט בלויז אליינס מאכן היסטאריע, נאר וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר הונדערטע טויזנטע ניו יארקער. די סעקאנד עוועניו סאבוועי איז פאר צו לאנג געוועהן אן אומערפולטע צוזאג, ספעציעל פאר איסט הארלעמייטס. א דאנק גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פעסטקייט און אינוועסטירונג, די מידלאזע שתדלנות פון אונזערע שטיצער אין וואשינגטאן, און די פירערשאפט ביי די MTA וועלכע ארבעטן צוזושטעלן א בעסערע פראיעקט, וועט די קאנטראקט העלפן אויסברייטערן די ליניע צו 125'טע סטריט, אנפולנדיג דעם לאך וואס איז איבערגעלאזט געווארן ווען די סעקאנד עוועניו הויכע ליניע איז צוואוארפן געווארן. עס איז מורא'דיג צו זעהן די פארווירקליכונג פון די קומענדיגע פאזע. איך קען קוים ווארטן אויפצושטייגן!"

**רייזנדע אליאנס (Riders Alliance) דירעקטאר פון פאליסי און קאמיוניקאציעס Danny Pearlstein (דעני פערלסטין) האט געזאגט,** "פון אונטער סעקאנד עוועניו און לענגאויס דעם סיטי, טוען גאווערנאר Hochul (האקול), MTA פירער און טראנזיט ארבעטער זיך רוקן פאראויס מיט א שטארקייט. נייע טונעלן, סיגנאלן, און עלעוועיטארס וועלן העלפן עטליכע מיליאנען ניו יארקער זיך אומגיין אויף א פארזיכערטע און עפארדעבל אופן יעדן איינציגסטן טאג. רייזנדע זענען צוגעזאגט געווארן די סעקאנד עוועניו סאבוועי איבער הונדערט יאר צוריק. צעהן יאר צוריק, האבן דריי סטאנציעס זיך געעפענט אין די אפפער איסט סייד. די קומענדיגע פאזע וועט סערווירן איסט הארלעם און לעקסינגטאן עוועניו, איינגלידנדיג די נייע סאבוועי ליניע אין א סיסטעם וואס איז מערסטנס געבויעט געווארן פאר די צווייטע וועלט מלחמה."

**מענהעטען קאמיוניטי באורד 11 (Manhattan Community Board 11) פארזיצער Xavier A. Santiago (זעיוויער סאנטיאגאו) האט געזאגט,** "פאר לאנגע דורות, האט די מענהעטען קאמיוניטי באורד 11 גע'שתדל'ט פאר די אויסברייטערונג פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי. זייט די טאג ווען מיין אייגענע באבע האט מיטגעלעבט די צונעמונג פון די טערד עוועניו אויפגעהויבענע ליניע (Third Avenue Elevated line), האט איסט הארלעם געוואוינט אין א טראנספארטאציע מדבר. אין די צייט וואס די צווייטע פאזע ווערט פארטיילט, קוקן מיר ארויס צו דעם אז די MTA וועט ערפולן איר צוזאג צו קאמיוניטי באורד 11'ס שטאנד אנבאלאנגט אויפנעמען לאקאלע ארבעטער און אנדערע קאמיוניטי בענעפיטן וואס וועלן דערהייבן צוקונפטיגע דורות פון איסט הארלעם און אונזער געוואלדיגע סיטי. מיט דעם מאמענט,

זענען מיר איין שריט נענטער צו די פארווירקליכונג פון א חלום פון פינעף דורות פון גלייכבארעכטיגטע צוטריט צו טראנספארטאציע; א מציאות וואס נישט בלויז מיינע קינדער וועלן האבן, נאר א מציאות פון וואס מיינע זיידעס און באבעס האבן גע'חלומ'ט."

**טריי-סטעיט טראנספארטאציע קאמפיין (Tri-State Transportation Campaign) עקזעקיוטיוו דירעקטאר Renae Reynolds (רענעי רעינאלדס) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס מיר מארשירן ווייטער פאראויס מיט די פארשריט פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי פאזע 2 טונעלינג קאנטראקט דורך אינאוואציע, קוקן מיר שטארק ארויס צו די אלע קאמיוניטי בענעפיטן פאר איסט הארלעם דורך ברענגען מער טראנזיט אפציעס צו די קאמיוניטי, פארקורצערן רייזע צייטן, און שאפן לאקאלע דשאבס דורכאויס דעם פראצעדור."

**אפטאון גרענד סענטרעל באורד (Uptown Grand Central Board) פארזיצער Diane Collier (דייען קאליער) האט געזאגט,** "אפטאון גרענד סענטרעל איז צופרידן צו הערן אז מיט די מעלדונג, טוט די MTA צוביסלעך פארווירקליכן די צווייטע פאזע פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי. מיר פארשטייען אז דאס איז א באדייטנדע שריט פאראויס און מיר זענען זייער ערמוטיגט דורך די פארשריט וואס ווערט געמאכט. מיר ערווארטן אז די פראיעקט וועט שאפן באדייטפולע געלעגנהייטן פאר לאקאלע איינוואוינער צו טרעפן ארבעט און פאר קליינע ביזנעסער אינערהאלב דעם קאמיוניטי, געבנדיג א שטארק-נויטיגע שטופ פאר אונזער לאקאלע עקאנאמיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן